**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/1/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אפליקאציעס זענען אפן פאר רונדע צוויי פון ׳ריסטאָר ניו יארק׳**

***שטיצט דאס אויפלעבן קאמיוניטיס דורך איבערמאכן אדער עלימינירן פארלאזטע געביידעס***

***׳לעטערס אוו אינטענט׳ מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז נאוועמבער 30; אפליקאציעס קען מען באקומען דא.***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז די צווייטע רונדע פון ׳ריסטאָר ניו יארק׳ גרענט פראגראם אפליקאציעס איז יעצט אפן. דער 250 מיליאן דאלערדיגע פראגראם מוטיגט קאמיוניטי אנטוויקלונג און וואוקס פון געגנטער דורך עלמינירן און איבערמאכן פארלאזטע געביידעס. די רונדע פינאנצירונג שטעלט צו 150 מיליאן דאלער אין גרענטס פאר ארטיגע רעגירונגען צו שטיצן פראיעקטן וואס פאקוסירן אויפ׳ן צעווארפן, איבעמאכן און אויפריכטן געביידעס פאר מענטשן צו וואוינען, פאר ביזנעסער אדער ביידע. דער פראגראם, וואס ווערט אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, איז געאייגנט אויף צו העלפן לאקאלע רעגירונגען אויפצולעבן זייערע קאמיוניטיס און מוטיגן ביזנעס אינוועסטירונג, פארגרעסערן די צאל פון לאקאלע האוזינג, צוריקשטעלן פראפערטיס אויף די שטייער ליסטעס און העכערן די לאקאלע שטייער באזע. ׳לעטערס אוו אינטענט׳ מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז נאוועמבער 30, און אפליקאציעס פאר דער צווייטער רונדע זענען צו באקומען דא.

״אויפלעבן אונזערע קאמיוניטיס הייבט זיך אן מיט אינוועסטירן אין די היסטארישע געביידעס וועלכע האבן שוין פון לאנג אן געפארעמט דעם רוקנביין און כאראקטער פון אונזערע שכינות׳ן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״׳ריסטאָר ניו יארק׳ פינאנצירונג גיבט לאקאלע רעגירונגען די רעסאָרסן צו טראנספארמירן פארלאזטע און פארנאכלעסיגטע פראפערטיס אויף מאדערנע, 21׳סטע יארהונדערטיגע געביידעס. דורך העלפן איבערבויען און שטערקער מאכן קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט, סטימולירן מיר ארטיגע עקאנאמיעס און זעצן פאר ווייטער צוריקצובויען ניו יארק בעסער און שטערקער.״

די ציל פון ׳ריסטאָר ניו יארק׳ איז צו העלפן צוציען איינוואוינער און ביזנעסער דורכן איבערמאכן פראפערטיס צו וואוינען, פאר ביזנעס און פאר ביידע צוזאמען. יעדער פראיעקט דארף זיין איינשטימיג מיט דער ראיאנישער סטראטעגישער פלאן פונעם ראיאנישער עקאנאמישער אנטוויקלונגס קאונסיל און פראיעקטן דארפן אריינפאסן אין ארכיטעקטורישע געביטן מיט די ארומיגע פראפערטיס אדער זיין איינשטימיג מיט די לאקאלע רעגירונג'ס לאקאלע אויפלעבונג אדער שטאטישע אנטוויקלונג פלאן.

פינאנצירונג קען גענוצט ווערן פאר ליידיגע, פארלאזטע, סכנות'דיגע אדער געוועזענע רעגירונג'ס געביידעס, און די פראפערטיס קענען צעווארפן אדער צונומען ווערן און איבערגעמאכט אדער איבערגעבויט ווערן. א דגש וועט געלייגט ווערן אויף פראיעקטן אין עקאנאמיש-געפלאגטע קאמיוניטיס, פראיעקטן וועלכע נוצן אויס אנדערע סטעיט אדער פעדעראלע איבערבויאונג געלטער און לויט די פראיעקט'ס אויסזיכטן פאר הצלחה און גרייטקייט.

בארעכטיגטע אפליקאנטן רעכענען אריין קאונטיס, סיטיס, טאונס און ווילעדזשעס אין ניו יארק סטעיט באזירט אויף די פאלגנדע תנאים:

- שטעט מיט באפעלקערונגען העכער 100,000 קענען זיך ווענדן אויף אזויפיל ווי 5 מיליאן דאלאר פאר איין פראיעקט. שטעט וואס האבן איבער באפעלקערונגען העכער פון איין מיליאן מענטשן און קאונטיס דערינען מוזן זיך ווענדן פאר פראיעקטן אין עקאנאמיש-געפלאגטע געגנטער פון דער שטאט
- שטעט און ווילעדזשעס מיט באפעלקערונגען צווישן 40,000 און 99,999 מעגן זיך ווענדן פאר איין פראיעקט אויף ביז 3 מיליאן דאלער
- אלע אנדערע ארטיגע רעגירונגען קענען זיך ווענדן פאר איין פראיעקט אויף ביז 2 מיליאן דאלער

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וועט מעגליך שענקען א באגרעניצטע צאל ספעציעלע אויסטיילונגען. לאקאלע רעגירונגען מיט באפעלקערונגען פון 100,000 אדער ווייניגער און קאונטיס מיט באפעלקערונגען פון 400,000 אדער ווייניגער קענען זיך ווענדן פאר נאך 10 מיליאן דאלער פאר א צווייטן, באזונדערן פראיעקט, אדער פאר טייל פון א גרעסערן פראיעקט, אין צוגאב צו די פינאנצירונג מאקסימום אויסגערעכנט אויבן. ספעציעלע פראיעקטן זענען אזעלכע וואו די פראפערטי פאראורזאכט שווערע עקאנאמישע שאדן פאר דער קאמיוניטי, איבערלאזנדיג אן אנזעבארע, פארלאזטע פראפערטי אדער פראפערטיס אין דעם צענטראלן ביזנעס דיסטריקט א שווער אדער מעסיג געפלאגטע קאמיוניטי וואס האט א נעגאטיווע ווירקונג אויף די אלגעמיינע עקאנאמישע אנטוויקלונג פאטענציאל פון דער קאמיוניטי.

א פארעם איבער׳ן האבן בדעה זיך צו ווענדן מוז אויך ערהאלטן ווערן דורך ESD ביז מיטוואך, נאוועמבער 30 און אפליקאציעס מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז יאנואר 27, 2023. פאר מער דעטאלירטע אינפארמאציע איבער דעם פראגראם און פאדערונגען, באזוכט [https://esd.ny.gov/restore-new-york](https://esd.ny.gov/restore-new-york).

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האָופ נייט האט געזאגט,** "׳ריסטאָר ניו יארק׳ גיבט פאר לאקאלע רעגירונגען די שטיצע וואס זיי דארפן צו קענען ברענגען ווירקליכע ענדערונג צו זייערע קאמיוניטיס, באזונדערס אין זייערע שטאטישע צענטערן. אויפלעבן און רעהאביליטירן עלטערע געביידעס האט א שטייגער צו אנטדעקן א געגנט׳ס אמאליגע חן און צוקונפטיגע פאטענציעל, און דורך ׳ריסטאָר ניו יארק׳ האבן ארטיגע אינסטאנצן א ריכטיגע געלעגנהייט איבערצומאכן זייערע קאמיוניטיס און שאפן נייע עקאנאמישע געלעגנהייטן."

**סטעיט סענאטארשע אנא מ. קאפלאן האט געזאגט,** "פארלאזטע געביידעס זענען א פלעק אויף אונזער קאמיוניטי און עס איז מאכט ארויסרינען לאקאלע רעסאָרסן, און דערפאר, יעדעס מאל וואס מיר קענען אויפלעבן א פראפערטי און עס צוריק ארויפברענגען אויף דער שטייער-רשימה, איז דאס א געווינס פאר אונז אלע. דער ׳ריסטאָר ניו יארק׳ פראגראם וועט באקעמפן און העלפן אונזערע קאמיוניטיס זיך ערהוילן פון דער פאנדעמיע תקופה, און איך מוטיג יעדער לאקאלע רעגירונג זיך צו לערנען מער און זיך ווענדן פאר געלטער צו העלפן פאראויס רוקן ניו יארק."

**אסעמבלי-מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** "׳ריסטאָר ניו יארק׳ ווערט גיך איינע פון אונזערע גרעסטע אייגנטומען פאר ארטיגע רעגירונגען וואס זוכן אויפצולעבן זייערע קאמיוניטיס. אלס פארזיצער פון דער אסעמבלי׳ס עקאנאמישע אנטוויקלונג קאמיטע, ווייס איך ווי נייטיג עס זענען קאמיוניטי אנטוויקלונג און געגנט אויפבלי פאר ארטיגע עקאנאמיעס. איך אפלאדיר דעם גאווערנער און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פאר זייער ארבעט אין איבערמאכן אונזערע קאמיוניטיס פאר אונזערע

פאמיליעס. עס איז מיין האפענונג אז אינאיינעם וועלן מיר ניצן די פינאנצירונג צו העלפן שאפן א יושר׳דיגע און אריינגעמיגע עקאנאמיע פאר אלע ניו יארקער.״

**איבער ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״**
׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ (ESD) איז ניו יארק׳ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. די מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפונג און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך דער הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען איבער די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון ״איי לאָוו ניו יארק״, דער סטעיט׳ס איקאנישער טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע אויף ראיאנישע קאונסילס און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418